בס"ד

# מבאר רבותינו

כי מן הבאר ההוא ישקו העדרים

שנה כ"ו גליון כ"ה (אלף רפ"ד) פרשת ויקרא
ז' ניסן תשפ"ה לפ"ק

לע"נ מרן הגה"צ רבי שמואל בן רבי יחזקאל שרגא זצ"ל מנאנאש, והרבנית הצדיקת מרת אסתר בת הר"ר יצחק ז"ל

הדלקה"נ: ברוקלין: 7:09 = מאנסי - קרית יואל: 7:10 = לונדון: 7:23 = אנטווערפען: 8:05
מוצשב"ק: ברוקלין: 8:38 = מאנסי - קרית יואל: 8:39 = לונדון: 8:53 = אנטווערפען: 9:35

## מבאר התלמוד

נערך ע"י: הרב נפתלי יחזקאל פאללאק
רב דק"ק תוספות יו"ט - אנטווערפן

### קורות חיי רבותינו חכמי התלמוד [שי"ב] / ל"ז

### ר' חייא בר יוסף (ג):

**פרנסתו:**

כנראה עסק ר' חייא בר יוסף במכירת מלח. והיה פעם שאחד נתן לו מעות על איזו מידה של מלח, ובינתיים לפני שהספיק הלוקח לקחת המלח לביתו נתייקר המלח, והיה שווה יותר מהסכום ששילם הקונה, ובכן היה ר' חייא ב"י רוצה לחזור ממקחו ולבקש סכום יותר ע"ז, ובא לפני ר' יוחנן בטענו שרוצה לחזור מהמקח, אמר לו ר"י: תן להם המלח, ואם אין אתה מסכים לזה צריך אתה לקבל מי שפרע, כדינו של אדם הרוצה לחזור מהמקח אחר שהלוקח שילם מעות בעדו (י).

**העלה אשתו לאר"י:**

אחרי שר' חייא ב"י נתיישב בארץ ישראל, שלח אחרי אשתו שגם היא תעלה לדור שם, וכיון שחשש לשיטת רב רבו שבדרך יש איסור יחוד אף בשנים, לזה היה שולח ג' תלמידים אחריה להביאה לארץ ישראל, שלא יהיה שום חשש יחוד (יא).

**י.** מסי' ב"מ דף מ"ח ע"ב. הגמרא שם דן במהותה של הדבר 'מי שפרע' מהו, אי הוא לטותא, דהיינו שבי"ד צריך לקלל אותו איש, או הוא סתם מודעה, דהיינו שצריכים להודיע להמוכר שאם אינו עומד בדיבורו יקבל מי שפרע. והגמרא רוצה להוכיח ממעשה הנ"ל לאחד משני צדדים אלו, אבל למעשה מסיק הגמרא שאין ללמוד מכאן כלום כיון שהמעשה בכאן היה שהמלח לא היה עדיין קנויה להלוקח, רק היה עירבון להדמים שקיבל ר' חייא בר יוסף, ועל זו היה שאלת ר' חייא בר יוסף מר' יוחנן, האם גם בזו שייך מי שפרע עיי"ש בגמרא יותר. **יא.** ירושלמי מסי' כתובות פ"ב הלכה ט', וכן ירושלמי סוטה פרק א' הלכה ג' וז"ל: רבי חייה בר יוסף שלח בתר אתתיה, אמר יסקון עמה תלתא תלמידין, שאם יפנה אחד מהן לצורכו תתייחד עם שנים. והא תנינן מוסרין לו שני תלמידי חכמים שמא יבוא עליה בדרך, אמר רבי אבין: ובעלה הרי שלשה. "אף הוא שכר לה את הבית והוא מעלה לה מזונות ולא היה מתייחד עמה אלא בפני בניה, וקרא על עצמו הפסוק הזה (ירמיה מ"ה) יגעתי באנחתי ומנוחה לא מצאתי". על הקטע האחרון של הירושלמי יש דין ודברים בין המפרשים. שיש מפרשים שכוונת הירושלמי הוא על ר' חייא ב"י, דהיינו, שאשתו זאת היתה נשבית בשבויה, וכיון שר' חייא ב"י היה כהן [אינו בשום מקום] לא התייחד עמה רק בנה לה בית מיוחדת וכו'. אבל יש אומרים שזו עולה על ר' זכריה בן הקצב המובא במשנה כתובות שם, והוא היה כהן וכו'.

**לרבים השואלים:**
**מי שברצונו לקבל מאמרים הקודמים מסודרים יפנה להמערכת**

## מבאר התורה

# והגישה אל המזבח

## בענין ששלחנו של אדם מכפר

והבאת את המנחה אשר יעשה מאלה והקריבה אל הכהן והגישה אל המזבח (פרשתן, ב' ח'). והנה עכשיו במקום המזבח שלחנו של אדם מכפר (עי' ברכות נ"ה ע"א), והוא התנהגות אא"ז [מקאזמיר] זצוק"ל שהמשמש בסעודה בשבת קודש, הקריב אליו הקערה עם המאכל, והוא בעצמו העמידה על השלחן לפני המסובין ולא המשמש, כמו הכהן שהקריבו לו המנחה, והוא הגישה על המזבח וד"ל. (דברי ישראל בפרשתן)

דרכו בקודש של הרה"ק המגיד מטריסק זצוק"ל היה, שהיה נותן תמיד לאכול להחסידים שבאו להסתופף בצל קדשו, וכאשר על איזה שבת ויו"ט היה תמיד חסידים למאות ולאלפים, ונתן לכולם לאכול, מחמת זה נעשה אחר יו"ט בעל חוב גדול, ונכנסו אצלו איזה אנשים מכובדים ומקורבים, ושאלו את פיו קדשו, הלא מחמת שההוצאה מסעודות החסידים הוא מרובה, נעשה הרבי בעל חוב, ומוכרח הרבי לשלוח לקבץ מעות מהחסידים ולפרוע החובות, הלא יותר טוב היה שהרבי לא יתן לחסידים לאכול, ולא יצטרך אח"כ לקחת מאתם מעות לשלם החובות. הרה"ק מטריסק לא ענה להם כלום על דבריהם, וחשבו שהשתיקה כהודאה דמיא, ונכנסו עוד הפעם לדבר מזה, אז פתח הרה"ק ואמר להם: הנה בזמן שביהמ"ק היה קיים היה כל אחד ואחד מביא קרבן ונסלח לו, רק עכשיו שאין בית המקדש קיים שלחנו של אדם מכפר עליו (ברכות נ"ה ע"א), מפני ששלחן של אדם במקום מזבח, בכן אני אומר, את קרבני, מה הוא הקרבן שלי, לחמי לאשי, שאני נותן לחמי לאנשים הנוסעים אצלי, ובזה יהיה ריח ניחוח לה', ויהי' סליחה ומחילה לכל החסידים. (ילקוט מאורי אור)

סיפר הגה"צ ר' מתתי' לוריא זצ"ל ששמע מהרה"ק הבית אברהם זצ"ל בעת שהיה במירון, שפעם בעת שערך הרה"ק מאפטא זצ"ל שלחנו הטהור בראש חודש ואכל סעודת בשר, באו אנשים באמצע הסעודה וסיפרו לו מאיזה גזירה שנגזרה עליהם, והרה"ק הצטער עצמו מאד על זה, ואמר בזה"ל: בזמן שבית המקדש קיים היה המזבח מכפר, ועכשיו שאין בית המקדש קיים שלחנו של אדם מכפר, והנה פסק הרמב"ם בהלכות תשובה, שתשובה מכפר בצירוף עם קרבן, ובקרבן איתא כהנים אוכלים ובעלים מתכפרים (כביכול השי"ת, כעין דאיתא הביאו עלי כפרה), הכהנים היינו הצדיקים, מי הם הצדיקים, זה אני [ווער זענען די צדיקים, דאס בין איך], ודחף הלאה את הקערה שאכל ממנה, ואמר, עס איך נישט ווייטער. אחר כך התעמק קצת [האט ער זיך פארטראכט] והמשיך ואמר: אשמעה מה ידבר הקל ה', והמשיך ואמר, כי ידבר שלום אל עמו, השי"ת אומר שהגזירה נתבטלה [דער אויבערשטער זאגט אז די גזירה איז בטל], והחזיר את הקערה ואמר: אם כן אוכל עוד [עס איך ווייטער], וכן היה, שהגזירה נתבטלה. (שיח זקנים ח"ז דף נ"ט)

נקדים מה ששמעתי מפי כ"ק אאמו"ר [רבי שלמה מבאבוב] זצ"ל בשם הרב הקדוש הרבי מלובלין זי"ע שהיה משתעי בלישנא דחכמתא ואמר: אז די מוציא געראהט איז זיא בעסער ווי א בילקע. והגם כי מאוד עמקו מחשבותיו, ואנחנו לא נדע את עומק כוונותיו, מ"מ בדרך פשוט יש להבין על פי דברי חכמז"ל (חגיגה דף כ"ז ע"א) בזמן שביהמ"ק קיים מזבח מכפר על אדם, עכשיו שלחנו של אדם מכפר עליו, והוא כי על ידי כוונת האכילה הוא מעלה את ניצוצי הקדושה שבתוך המאכל כדאיתא בספרים הקדושים, וזה נעשה כשמברך על מזונו בכוונה, על ידי זה הוא מעלה את הניצוץ הקדוש שבו, וכמו שכתוב בזוה"ק פרשת ויקהל (רי"ח ע"ב) וכיון דבר נש אכיל ושתי וקא מברך, האי ברכתא סלקא ואתהני מאלין מלין דשבעין, דסלקין ואישתכח דאיתהני ממזונא מתתא ומלעילא, וז"ש רבינו הקדוש מלובלין זצ"ל, אז די מוציא געראהט, היינו כשעלה בידו לברך ברכת המוציא כהוגן וכנכון, איז זיא בעסער וויא א בילקע, שמעלה את הניצוץ על ידי ברכת המוציא, ואז נהנים גם נשמתו וכל העולמות העליונים, כי מן הבילקע בלבד, בלא ברכה, נהנה רק הגוף. (קדושת ציון פרשת אמור, בד"ה והקרבתם על הלחם)

**אלו יעמדו על הברכה שנדבו להוצאות הגליון לזכות אלפי רבבות בני ישראל**




### זהירות יתירה
### בשב"ק פרשת צו ער"פ:

**שלא יצא דם בעת שמנקים החמץ מהפה.**
**ולא יאמר לעצמו ולהילדים שהולכים לישן כדי שיהיו נעורים בליל הסדר, דהרי זה אסור מטעם הכנה משבת ליו"ט.**

נתפרסם ע"י מפעל העולמי
גומרת הלכות שבת
ללימוד הלכות שב"ק

מודעה זו נתפרסם לזכות
כ"ק מרן אדמו"ר מסקולען מאנסי שליט"א

### לזכר עולם

לע"נ הרבנית הצדקנית
מרת **שרה חנה פעסיל** ע"ה
בת כ"ק אדמו"ר הרה"ק
רבי **יעקב מפשעווארסק** זצ"ל
נפטרה ז' ניסן תש"פ לפ"ק תנצב"ה
נדבת בנה הרה"צ בנש"ק רבי **יצחק רייך** שליט"א
אבד"ק בית משה אהרן **פשעווארסק** – וומסב"ג

### דבר בעתו
### ספר תשועת צדיקים
**חלק שני**
**לחדשי שבט, אדר, ניסן, אייר**
הפצה ראשית נר למאור: 718-384-1324



# דער קוואל פון צדיקים

## דערציילונגען פון רבותינו הקדושים צו זייער יארצייט

יארצייט פון
הגאון הקדוש מרן
**רבי נתן פייטל רייניטץ ממאד** זי"ע
ט' ניסן שנת תרכ"ב לפ"ק

הגה"ק רבי נתן פייטל רייניטץ זצ"ל איז געבוירן שנת תקנ"ז לפ"ק צו זיין טאטע רבי אברהם זצ"ל, ער איז געווען א תלמיד מובהק פון הגה"ק בעל ברוך טעם מלייפניק זצ"ל, און ער געווען גאר שטארק בידידות מיט הגה"ק בעל חתם סופר, הרה"ק מצאנז און הרה"ק מליסקא זצ"ל, וואס אלע האבן אים גאר שטזרק געערט און געשעצט, ער איז באקאנט פאר א גרויסע גאון און קדוש, און איז געשטאנען פעלזן פעסט אקעגן אלע וואס האבן געוואלט צוברעכן די הייליגע אידישע מויער, און אויך איז ער געווען א גרויסער פועל ישועות פאר אידישע קינדער. ער איז געווען רב אין שטאט ה' מאד יצ"ו, זיינע חידושי תורה זענען געדרוקט אין ספר ברוך שנתן תורה. ער איז נסתלק געווארן ט' ניסן שנת תרכ"ב לפ"ק, זיין הייליגער ציון געפינט זיך אין שטאט מאד יצ"ו.

רבי נתן פייטל האט זיך אפגעגעבן די גאנצע טאג צו פירן זיין קהלה מיט די ארומיגע שטעטלאך וואס האט געהערט צו די שטאט מאד, און ביינאכט איז ער געזיצן און געלערנט מיט גרויס התמדה. דעמאלטס איז געווען איינגעפירט אין די דערפער אז מען האט געדינגן א פשוטער דארפישער גוי וואס זאל היטן די דארף אין די נאכט שעות, און פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך ארומדרייען אין דארף, און ער פלעגט אויסרופן וויפיל אזייגער עס איז, דער שומר פון 'מאד' איז געווען א גאר פראסטער גוי, און ער האט אפילו נישט געהאט א זייגער, פלעגט ער גיין פון צייט צו צייט קלאפן אויפן פענסטער פון רבי נתן פייטל - וואוסענדיג אז ער איז אויף די גאנצע נאכט און לערנט, און ער האט אים געפרעגט וויפיל אזייגער עס איז, און רבי נתן פייטל האט אים שטענדיג געענטפערט די ריכטיגע צייט, און אזוי איז געווארן א שטיקל שייכות צווישן רבי נתן פייטל און להבדיל די גוי דער שומר.

רבי נתן פייטל פלעגט פארקויפן פאר דעם גוי די חמץ פאר פסח, און דאס צוריק אפגעקויפט נאך פסח, און האט אים נאך צוגעגעבן א שיינע סכום געלט. מיט די צייט האבן די שטאט מענטשען געקויפט פארן שומר א גרויסע וואנט זייגער, און האבן אים געהייסן אז ער דארף אויסרופן יעדע שעה די צייט לויט דעם זייגער, אבער דער פראסטער גוי האט דאס אויך נישט געקענט ליינען, און ער האט זיך פארטוישט צווישן די גרויסע און די קליינע ווייזער, און נישט האבענדיג א ברירה האט ער גענומען דעם גרויסן זייגער צום שטוב פון רבי נתן פייטל, און אים געבעטן ער זאל אים געבן צו פארשטיין וויאזוי מען לייענט די זייגער.

אמאל האט פאסירט אז רבי נתן פייטל איז אוועק געפארן פון שטאט צוליב א שמחה, און דער שומר האט זיך פארמישט מיטן זייגער, און אנשטאט אויפוועקן די שטאט מענטשען זעקס אזייגער צופריה מען זאל מעלקן די קיען, האט ער זיי אויפגעוועקט האלב נאך דריי, און ווי פארשטענדליך איז געווארן א גרויסע שטורעם אין שטאט צוליב דעם, און מען האט געוואלט אויפזאגן דעם שומר פון זיין פאסטן, איז ער געקומען מיט א בהלה צו רבי נתן פייטל, און אים געבעטן ער זאל מער נישט אוועק פארן פון שטאט אפילו פאר איין טאג, און אנשטאט דעם וועט ער אים נאך צוצאלן ווען ער וועט צוריק אפקויפן פון אים די חמץ. (תולדות רבינו הנספח לסי' ברוך שנתן תורה הנדפס מחדש)

*

זיין תלמיד רבי משה צבי דייטש ז"ל פון מיהאלאוויטץ האט דערציילט, אז ער איז געשטאנען נאנט צום בעט פון רבי נתן פייטל אין די צייט וואס ער איז געווען נישט געזונט פאר זיין פטירה, און האט אים געטריי באדינט, און ער האט כמעט נישט געגעסן די גאנצע צייט, ווען עס איז געווען די גסיסה פון רבי נתן פייטל, און די צימער איז געווען פול מיט מענטשען, האט ער אויסגעניצט די געלעגענהייט און געגאנען אין א ווינקעל פונעם צימער, און זיך געוואשן און געמאכט די ברכות שטיל און שנעל, כדי ער זאל שנעל קענען צוריק גיין באדינען דעם רבי'ן, אבער אזוי ווי ער האט געוואלט אריינלייגן די עסן אין מויל, האט זיך רבי נתן פייטל אנגערופן אינמיטן די גסיסה: משה הערש, האב איך דיר דען אזוי געלערנט צו מאכן א ברכה שנעל און שטיל, איך האב דיר דאך אויסגעלערנט צו מאכן א ברכה ווארט ביי ווארט מיט כוונה און א הויך קול. אלע פארזאמעלטע האבן זיך געוואונדערט ווי רבי נתן פייטל שטייענדיג אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבן, האט ער געשפירט אז זיין תלמיד האט געטון עפעס נישט ריכטיג, און האט אים מעורר געווען איבער דעם. (תולדות גאוני הגר)

*

רבי נתן פייטל פלעגט זיך טובל'ן יעדן טאג כאטשיג צוויי מאל אין א קאלטע מקוה, פאר תפלת שחרית, און פאר תיקון חצות, און אסאך מאל אויך פארן פארלערנען דעם שיעור, און פאר תפלת מנחה. ער האט אמאל געזאגט: הלוואי זאל איך זוכה זיין מיך אריין צו ווארפן אין פייער פאר השי"ת, אזוי ווי איך ווארף מיך אריין אין קאלט וואסער. (זמירות דברי אבהן קדישין טשענגער - דאראג, מעשה אבות דף ו')

*

רבי נתן פייטל האט זיך געפירט נישט צו אנרירן ליכט אין די וואכענטעג, כדי ער זאל האבן א מעגליכקייט צו לערנען צו די שיין פון די ליכט שב"ק, לויט ווי די גמרא זאגט (מס' שבת דף י"ב ע"ב) אז א אדם חשוב מעג לערנען ביי די ליכט שב"ק, צוליב וואס ער איז נישט געוואוינט צו בייגן די ליכט אינדערוואכן, און רבי נתן פייטל האט מחמיר געווען בכלל נישט צו אנרירן ליכט אינדערוואכן צוליב דעם. (שו"ת דברי שלום)

*

זיין זון הגה"צ בעל **המכתבים** זצ"ל האט דערציילט: אמאל האט א געוויסע איד פון די געגענט פון שטאט מאד געברענגט פאר רבי נתן פייטל א מתנה זעק ווייץ, און מען האט דאס ארויפגעלייגט אויפן בוידעם פונעם הויז, א גוי א שכן פון רבי נתן פייטל, וואס האט געזעהן אז מען האט באהאלטן זעק ווייץ אויפן בוידעם, איז געקומען אינמיטן די נאכט און דאס געוואלט גנב'נען, רבי נתן פייטל האט דעמאלטס ווי זיין שטייגער געהאלטן אינמיטן לערנען מיט זיין זון, און ווען דער גוי האט ארויפגעלייגט די זעק אויף זיין אקסל און דאס געוואלט ארויסטראגן פון בוידעם, האט ער בטעות ארויפגעטרעטן אויף דאך פון די אונטערשטע צימער, וואס רבי נתן פייטל איז דארט געזיצן, און די דאך האט זיך איבערגעבראכן, און ער איז ארויפגעפאלן אויפן טיש פון רבי נתן פייטל, דער גוי האט זיך אויפגעשטעלט און אים געזאגט א גוטע נאכט רבי, רבי נתן פייטל האט אים צוריק געענטפערט א גוטע נאכט, און האט זיך אויפגעשטעלט און אים געהאלפן אראפקומען פון טיש, און האט אים אפילו געהאלפן צוריק ארויפלייגן די זעק אויף זיין אקסל, און ער איז אהיים געגאנגען צופרידן, אזוי האט רבי נתן פייטל אויף א פרידליכע וועג צוגעברענגט אז ער מיט להבדיל זיין שכן זאלן זיך נישט ארומקריגן. (תולדות רבינו הנספח לסי' ברוך שנתן תורה הנדפס מחדש)

*

הגה"צ רבי עזריאל יודא לעבאוויטש זצ"ל בעל עזר מיהודה **מוויען** וואס איז געווען א תלמיד מובהק פון הגה"ק בעל **לבושי מרדכי** ממאד זצ"ל האט דערציילט: זיין רבי דער לבושי מרדכי האט געוואוינט אין שטאט מאד אין די דירה וואס די קהלה האט צוגעשטעלט פאר די רבנים אין שטאט, און פאר דעם האט דארט געוואוינט רבי נתן פייטל. דארט איז געווען א צימער וואס מען האט גערופן "אליהו הנביא שטוב", און דער לבושי מרדכי האט געזאגט אז ער האט מקובל אז אין דעם צימער איז רבי נתן פייטל געזיצן אין געלערנט בקדושה וטהרה, און זוכה געווען דארט צו גילוי אליהו הנביא זכור לטוב.

ווען דער לבושי מרדכי האט געוואלט אויספועל'ן א ישועה פאר א קראנקן וכדומה, פלעגט ער אריינגיין אין דעם ספעציעלן הייליגן צימער, און ער האט דארט מתפלל געווען, ווייל עס איז געווען ביי אים קלאר, אז די הייליגע צימער איז פאסיג צו פועלן דארט ישועות פאר אידישע קינדער.

און ווען דער ווינער רב האט זיך געזעגנט פון זיין רבי דער לבושי מרדכי פאר זיין חתונה, און ער האט אים געוואלט באקרוינען מיטן טיטל מורינו, האט ער אים אריינגערופן אין דעם ספעציעלן הייליגע צימער, און ער האט דארט געשריבן דעם כתב מורינו, און האט אים דארט אנגעוואונטשען, זאגענדיג: די הייליגע צימער איז מסוגל צו ברכה וישועה און אלעס גוטס, צוליב וואס רבי נתן פייטל האט דארט געלערנט תורה מיט אליהו הנביא זל"ט. (שם)

*

רבי נתן פייטל האט געזאגט: ווער עס וועט זיך טובל'ן לעילוי נשמתו ערב שבת וועט ער זיין פאר אים א מליץ יושר.

ווי אויך האט ער געבעטן אין זיין צוואה אז מען זאל לערנען לעילוי נשמתו אין די טאג פון זיין יארצייט משניות מסכת שבת, ווייל שבת איז מעין עולם הבא. (זמירות דברי אבהן קדישין טשענגער - דאראג, מעשה אבות דף ו')

*

פון די חשובע איינוואוינער פון שטאט מאד איז געווען הגאון רבי יושע אשר זעליג פלאנער זצ"ל [תלמיד הגה"ק החת"ס והגאון רבי קאפיל חריף זצ"ל] אייניקל פון הרה"ק ר"ר שמעלקא מניקלשבורג זצ"ל, וואס ער האט זיך דארט באזעצט אויפן פארלאנג פון רבי נתן פייטל, וואס האט אים נאך געקענט פון ווען ער איז געווען רב אין גיסינג, און רבי אשר זעליג איז דארט אויפגעצויגן געווארן ביי זיין ברודער מו"ה ר' יוסף ז"ל זייענדיג א יונגער יתום ל"ע.

אין שטאט מאד האט דעמאלטס אויך געוואוינט א גרויסער עושר מיטן נאמען ר' משה, וואס האט געהאט צוועלעף זון און איין טאכטער, אבער אין לויף פון די צייט האט ער רח"ל פארלוירן אלע זיינע זון איינער נאכן צווייטן, וואס זענען ל"ע אלע נפטר געווארן, און אויך זיין איינציגסטע טאכטער איז געווארן קראנק און ל"ע שוין געווען אין א סכנה פון נפטר ווערן, האט רבי נתן פייטל גערופן רבי אשר זעליג וואס איז נישט געווען חתונה געהאט, און האט אים צוגערעדט ער זאל מסכים זיין צו חתונה האבן מיט די קראנקע מיידל, ווייל די זכות פון זיין תורה וועט איר זיכער באשיצן אז זי זאל ווערן געזונט, און מיטן הילף פון השי"ת וועט ער אויפשטעלן מיט איר א ערליכע אידישע שטוב, רבי אשר זעליג האט צוגעהערט צו רבי נתן פייטל, און ער האט געטון וואס ער האט אים געבעטן, און ער איז אריין אין צימער פון די קראנקע מיידל, און ער האט איר געזאגט: זאלסט וויסן אז פון יעצט ביסטו ארויס פון דיין טאטע'ס רשות, און די גייסט אריין אין מיין רשות, און דו וועסט מיט מיר חתונה האבן, און תיכף ווען ער האט דאס געזאגט, איז איר בעסער געווארן, ביז זי איז געווארן אינגאנצן געזונט, און ער האט מיט איר חתונה געהאט, און אזוי ווי רבי נתן פייטל האט אים צוגעזאגט, איז געווען, און ער האט געלעבט מיט איר א רואיג געזונט לעבן, און געבוירן א שטוב מיט קינדער. (תולדות גאוני הגר)

תורתו מאירת עינינו יגן לנו ויושר יליץ בעדינו

**תשצו)** כל אחינו שבגולה בכל תפוצות הגולה כולה במקומות הקרובים והרחוקים באשכנז וספרד ותוגרמא וכל ארצות המערב כולם מחזיקים בהדבר מצוה רבה זו ברוב עוז ותעצומות [וכו'], וא"כ איפה מדוע, לחלק ולאו, לפרוש א"ע מכלל אחבנ"י, ונקל בעיניהם להעלים עין מן הצדקה הזו ח"ו ולקפוץ ידיהם מאחיהם האביונים העומדים על התורה ועל העבודה בארץ החיים אה"ק, **וכפיהם פרושות השמים לחלות ולחנן בכל המקומות הקדושים בעד אחיהם שבגולה** ונפשם יבישה אין כל, בלתי אל אחיהם שבגולה עיניהם תלויות עד שיחננם ולשים להם שארית בארץ ולהחיותם.

ומצוה רבה כזו להחיות נפשות רבות א"א להתקיים זולתנו, כ"א אנחנו נעלים עינינו ח"ו מהתאמץ בזריזות יתירה בפיקוח נפשותם מי יחמול עליהם, וע"כ **אין לך פיקוח נפש גדול מזה, ותמכין דאורייתא הוא.**

(אגרות קודש להרה"ק בעל צמח צדק זצ"ל [יודה"ל י"ג ניסן], אות ד')

**זייט אייך משתתף מיט סכומים הגונים צום "קמחא דפסחא" קאמפיין פון כולל שומרי החומות לצדקת רבי מאיר בעל הנס**

פינת המאיר

ליקוט בענין מעלת
צדקת רבי מאיר בעל הנס
לעניי ארץ ישראל

כולל שומרי החומות

נתפרסם ע"י ידיד
כולל שומרי החומות
לצדקת רבי בעל הנס

פאר א פושקע רופט:
718.243.2495

# עבודת הצדיקים

**עובדות ומעשי הצדיקים לימי הפסח**

**בענין עבודת ומעשי צדיקים**
**בקמחא דפסחא**

## לדרוש אודות קמחא דפסחא

יסופר אשר הרה"ק מו"ה רבי נפתלי [מראפשיץ] בא מדרשה שדרש בשבת הגדול לביתו, עיף ויגע, ושאלה אותו אשתו הרבנית: מה נלאת כל כך, והשיב: שיהיה לו עמל ויגיעה רבה בדורשו אודות העניים, וצרכיהם המרובים על החג הקדוש, כי מצוות וצורכי החג ביקרות גדול, ושאלה הרבנית: אם עכ"פ פעל בדרושו, והשיב: כי למחצה פעל, העניים מוכנים לקבל, ומחצה השניה, היינו שיתנו העשירים אינו יודע עוד. (אהל נפתלי ראפשיץ, אות קי"ד)

## מצוה בו יותר מבשלוחו

פעם בא לפני רבינו [הרה"ק רבי מרדכי מנדבורנא זצ"ל] קודם הפסח איש א' מאיזה עור, וכאשר נתו רבינו ברכת הפרידה להאיש, אמר לו: תאמר להרב דעירך, איתא בשו"ע או"ח הלכות פסח שואלין ודורשין בהלכות פסח ל' יום קודם הפסח, וע"ז אומר הרמ"א והמנהג לקנות חיטים ולחלק לעניים, וקשה מה רצה הרמ"א לומר, הלא דרכו של הרמ"א להגיה ולומר מענינו, ומה זה ענינו מה מוסיף או גורע בזה הרמ"א על המחבר, ואמר רבינו תאמר להרב דעירך שכוונת הרמ"א לומר שלא רק לדרוש בעניני פסח צריכים, רק מוטל על כל אדם שיראה שיהיו חטים מצויות לעניים על פסח ג"כ, ולא בדרישה בלבד יצא ידי חובתו, והאיש בא לפני הרב ואמר לו מה שהרבי ר' מרדכילי אמר לו שיאמר לו, ואמר הרב: פלא שבעל רוה"ק כזה הוא, אשר בעת הי' האיש אצל רבינו ונתן לו ברכתו, בעת הזאת למד הוא באו"ח, וקשה לו הקושיא, ועתה מתורץ וזה שלשים שנה בכל עת שלומד קשה לו ולא ידע לתרץ לעצמו, ועוד אח"כ באת אשה עני' להרב דמתא שאין לה עוד מצות על פסח שיעשה לה הרב טובה, והי' אז יום האחרון שאפו שם המצות, ונתעורר הרב ע"י דברי רבינו והלך בעצמו לבית האופה, ואפה מצות להאשה, ואמר הרב דשם שזה שרבינו צוה לו להגיד בודאי הי' לו הכוונה שיעשה בעצמו המצוה ולא ע"י שלוחו, ואעפ"י שהי' יכול לעשות ע"י שליח מצוה בו יותר מבשלוחו. (מאמר מרדכי נדבורנא, סיפורים אות ע"ד)

רבינו [ר"מ מנדבורנא] הי' מחלק בערב פסח צורכי יו"ט לעניים ביד רחבה, והיו רגילים לבא ליקח כל או"א חלקו המוכן לו, והי' מהם שבאו שני פעמים, ואעפ"כ נתן להם רבינו בעין יפה, והכין להם לאכול שם ביצים ותפוחי אדמה מבושלים שיאכלו שם קודם הלכו לביתם, ואמר רבינו: העניים הללו רעבים בערב יו"ט, ע"כ לא הניחם לילך עד שאכלו שם. (שם אות פ"ו)

## ליתן לעניי עירו שמנהל שם עסקיו

ראשי הקהלה מקעניגסבערג באו לעשיר מרוסיא שיתן עבור מעות חיטין, והיה מנהל עסקים גדולים בקעניגסבערג, ואמר להם דמעות חיטין מחוייבין רק בעלי הבתים קבועים אבל הוא דר ברוסיא, ותבעוהו לדין תורה למלבי"ם, ואמר שמוכן לקיים פסק ד"ת רק בתנאי שיראה לו בפירוש בתנ"ך זה. והמלבי"ם לקח תנ"ך בידו ופתחו, והראהו בשמואל א' (כ"ה ב') ואיש במעון ומעשהו בכרמל, שנבל דר במעון רק עסקיו ניהל בכרמל, ואחר כך (שם ל' ה') כתיב ואביגיל אשת נבל הכרמלי, והא דר במעון, רואין שבעה"ב יחשב לעיר שמנהל עסקים. (אמרי צדיקים איטינגא, מובא בס' גן יוסף דף ק"נ)

## הלילה הזה כולו מצה

פעם נתהוה מחלוקת בקהילת חוסט קודם הפסח ומחמת זה מיאנו כמה בעלי בתים ליתן מעות לקמחא דפסחא, בדרשת שבת הגדול אמר הרב הגרי"צ דושינסקיא בדרך צחות, לפני הפסח עושה כל יהודי הכנות לחג, קונים מצות ארבע כוסות ומכינים כל הנצרך, בהגיע ליל פסח פותחים ההגדה של פסח ואומרים הא לחמא עניא די אכלו אבהתנא כל דכפין ייתי וייכול [ופירש כל הדברים ביודיש], ושוב אומרים מה נשתנה שבכל הלילות אנו אוכלין חמץ ומצה, הלילה הזה כולו מצה, ואמר: התינח אם נותנים קמחא דפסחא ומקיימים הא לחמא עניא די אכלו אבהתנא וכו', אבל אם לא נותנים קמחא דפסחא הרי אז כולו חמץ. ודבריו עשו רושם, שביום ראשון שלאחריו באו המון רב לתת מעות לקמחא דפסחא. (ארז בלבנון פריימאן, נועם שיח דף קס"ד אות י"ז)

## לדאוג להעניים שיהי' להם כל צרכם

פעם לפני חג הפסח קרא מרן [הרה"ק מהרי"ד מבעלזא זצ"ל] לר' משה מאיר ושאלו אם כבר נתן לפלוני בן פלוני מעות לצורכי החג, השיב בחיוב, לשאלת מרן כמה נתן לו, ענה שנתן לו סכום שיספיק לו לקנות מצות ויין ותפוחי אדמה, אמר מרן: אין זה מספיק, אם אתה רוצה שיהיה לו עונג יום טוב תן לו סכום שיספיק לו לקנות גם אחרי החג צורכי אוכל עבור משפחתו, שאם לא כן ידאג כל החג מאין יקח אחרי החג כסף לצרכי ביתו. (אדמור"י בעלזא ח"ג, דף ש"מ)

והי' [הרה"ק מליסקא] דואג עליהם שיהי' להם פרנסה וכל טוב, והי' מרבה להטיב להם בפועל ממש שיהי' להם צורכי חג הפסח, וכאשר שמעתי ממנו שאמר שהרבנים קודם פסח מטריחין עצמן ליישב רמב"פ מוקשה והוא מיישבו גם בפועל ידיו ממש, שהרמב"ם מביא להלכה בערב תאכלו מצות והביא ג"כ להלכה לא תגנוב, ומה יעשה העני הזה האיך יקיים בערב תאכלו מצות, ויש סתירה להרמב"ם ז"ל. אבל העני הזה אם יבוא אלי אתן לו על מצות ואין סתירה להרמב"ם ז"ל. (דרכי הישר והטוב החדש ליסקא, דף רפ"ט)

## לנכדי הרר"א מליזענסק זי"ע

הד"ח [מצאנז] היה נוהג ליתן קודם חג הפסח מעות לבני עניים לקנות נעליים, ואם נכנסו אצלו שני ילדות נתן להם ביחד חמש גילדן הנקרא פינעווער עבור נעליים, פעם היתה בתו של הד"ח ג"כ זקוקה לנעליים על יו"ט, ולקחה עמה עוד חברתה ונכנסו ביחד להד"ח, והד"ח נתן החמש גילדן להילדה השניה ולא לבתו, בצאנז היו שני חנויות שמכרו נעליים, ובתו של הד"ח רצתה ללכת בחנות אחד, והילדה רצה ללכת בחנות השני, ונכנסה בתו של הד"ח לאמה הרבנית, וסיפרה שאביה נתן החמש גילדן לילדה השני, ואינה רוצה לבא עמה יחד לקנות נעליים, נכנסה הרבנית להד"ח ואמרה לו האם לבתך אינך חייב לקרב, למה לא נתת לה הפינעווער, אמר לה הד"ח אוי ואבוי, איזה רבנית יש לי, שלא יבחין בין זאת הילדה לבתי, הלא הילדה השניה נכדת רבינו רבי אלימלך זי"ע. (אוצר ישראל, דף קנ"ח אות כ"ז)

## הקב"ה נותן הראשון לקמחא דפסחא

פ"א לפני חג הפסח, באו לפני הרה"ק זצ"ל מבארדיטשוב עשירי ונכבדי העיר, ובקשו לילך ולקבל מעות חיטין לחלקם לעניים לפני החג, הקור היה גדול וגם השלג לא פסק לירד, פתח הרה"ק ואמר: "הנה דרך העולם הוא, כשהולכים לקבץ נדבות, הולכים מקודם אל העשיר הגדול שיתן את הנדבה הראשונה", הבינו העשירים שמתכוין אליהם, בקשו איפוא לתת ראשונים. אמר הרה"ק: "לא אליכם כוונתי, אלא להקב"ה שהעושר והכבוד שייכים לו, השלג והקור ייפסקו, כדי שנוכל לילך לקבץ מעות חיטים. מיד פסקו הקור והשלגים והרה"ק מבארדיטשוב יצא לקבץ את מעות העניים לחג הפסח. ומקובל בין נכדי הרה"ק שאם מתחוללת קור ושלג וצריכים לפעול בעניני הצבור, מספרים מעשה זה והקור נפסק. (בישישים חכמה דף רפ"ד)


**נייע ביכער לכבוד פסח תשפ"ה לפ"ק**

**דורך "הוצאת געוואלדיג" - אידישער אפטיילונג פון הוצאת נר למאור: 718-384-1324**

ד'. רסג. **איבערגעבויעט מיינע עלטערנ'ס היים / אידיש**
ציענדע הערליכע ווערק איבער די רייכע און שטוינענדע לעבנ'ס שילדערונג פון האשה הח' מרת פערל קויפמאן ע"ה אשת הרה"ח המפורסם ר' ליפא קויפמאן ע"ה, וואס זענען גאר בארימט מיט זייערע מעשי צדקה וחסד ולעמוד לימין מרן הרה"ק מסאטמאר זצ"ל, דער בוך באשרייבט אירע זכרונות פון דער אלטער היים אין האלמין, דעטאלירטע שילדערונגען איבער דאס פארצייטישע חסידישע לעבנ'ס שטייגער, און די ביטערע וועלט'ס קריג, און די נאכפאלגענדע שווערע דורכגענג בלייבנדיג א עלענדע יתומה, און צום לעצט דאס ווידער אויפבוי פון אידישקייט אין אמעריקא. (546 עמודים)

ד'. רסד. **אידישע היסטאריע / אידיש ב"כ**
צוויי הערליכע בענדער אין די סעריע וועלכע אנטהאלט גאר אינטערסאנטע קאפיטלען פון אונזער אור-אלטע הייליגע אידישע היסטאריע. אינפארמאטיווע קאפיטלען איבער אונזערע אור-אלטע תקופות, באגלייט מיט אינטערסאנטע בילדער און מאפעס פון אמאל און היינט. ח"א: תיבת נח. שבעים אומות. לשונות - שפראכן. כתב עברי. ים המלח. מערת המכפילה. ארץ גושן ורעמסס. פיראמידן. קנעכטשאפט. אידישע סאלדאטן אין מצרים. מדבר סיני / הר סיני. קבר אהרן הכהן. הירדן. לערנט אייך כתב עברי. ח"ב: דאס בויען דעם הייליגן בית המקדש ראשון דורך שלמה המלך, די שטאט ירושלים, דער ביהמ"ק און איר אנטהאלט, ביז צו גלות בבל, און נאך פיל קאפיטלען איבער די רייכע אידישע היסטאריע, יעצט פריש איבער געדריקט די צוויי בענדער. (ח"א 246 עמודים. ח"ב: 224 עמודים)

ד'. רסה. **געשיכטע פון כלל ישראל / תקופת שמואל #2**
דער פינפטער באנד אין די סעריע וועלכע שילדערט די השתלשלות וקורות הדורות פון כלל ישראל, זיך צו באקענען מיט אונזער הייליגע היסטאריע. דער דאזיגער באנד 'תקופת שמואל #2' דעקט די תקופה פון דאס איבערגאנג פון די מלוכה פון שאול המלך צו דוד המלך, וועלכער איז געווארן געזאלבט על פי ציווי ה' דורך שמואל הנביא, און ווי אזוי זיין מלוכה איז באפעסטיגט געווארן. באגלייט מיט קאלירטע מאפעס און בילדער, אנגעצייכנט ווי די אמאליגע שטעט האבן זיך געפונען. (416 עמודים)

ד'. רסו. **וואונדערליך #9, אינפראסטרוקטור**
דער דאזיגער באנד "אינפראסטרוקטער" דער ניינטער באנד פון די וואונדערליך - נפלאות הבורא אנציקלאפידיע סעריע! איז א קאמבינאציע פון רייכע און באלערנדע באשרייבונגן איבער שטאטישע אינפראסטרוקטער, ד.ה. יסודות'דיגע איינריכטונגן וואס א שטאט מוז האבן כדי מיר זאלן קענען וואוינען דערין און אנגיין מיטן טאג טעגליכן געברויך, צום ביישפיל: וואסער געברויך, אפלויף סיסטעם, גאז סופליי, אוועקפירן מיסט און דאס צונישט מאכן, עלעקטריציטעט געברויך, ראוד'ס און הייוועי'ס, בריקן און טונעלן, לופטפעלדער און נאך, וועלכע ברענגן ארויס די מורא'דיגע כוחות הטבע וואס השי"ת האט ערמעגליכט און געגעבן דעם מענטש די מעגליכקייט ארויסצוברענגן מכח אל הפועל אז די אלע זאכן און באקוועמליכקייטן פון וואס א שיינער טייל זענען כמעט אומזעעבאר פאר אונזערע אויגן, זייענדיג אונטערערדיש אד"ג, באגלייט מיט באצויבערנדע בילדער, פאקטן און ציפערן, וועלכע גיבן צו גאר אסאך אינטערסאנטקייט צו יעדן ענין. לייענט און באקענט אייך מיט השי"ת'ס וועלטל. (256 עמודים)

ד'. רסז. **וואונדערליכע מעשיות, ב"כ**
צוויי הערליכע בענדער געקליבענע וואונדערליכע מעשיות וואס ברענגן אריין יראת שמים ומידות טובות אין אידישע קינדער, אראפ געשריבן אויף א הערליכע גרינגער אידישע שפראך, פאר אינג און אלט. באשריבן און בעארבייט דורך דעם באקאנטן ידען נפלא הרב יוסף פרץ הלוי ביללער שליט"א. צוזאם גענומען פון זיינע הערליכע רייכע קונטרסים פון די לעצטע 30 יאר יפה בעתו - דבר בעטו, יעצט פריש איבער געדריקט די צוויי בענדער. (ח"א רמ"ה עמודים. ח"ב: רנ"ב עמודים)

ד'. רסח. **זיגרייך - אנטקעגן די נאצישע שלענג / אידיש**
אכט'ער בוך אין די אידישע העלדן סעריע: ווען די נאצים די גיפטיגע שלענג האבן אריינגעשטורעמט קיין פולין, האט די גיפט געשפיגן פייער חורבן און פארניכטונג, א גרופע מיידלעך האבן טראץ די אומגעהוירע שווערע נסיונות און הסתרת פנים, ארויסגעוויזן העלדישע פייער און אמונה, קוראזש און אומבויגזאמקייט, און זיך געהאלטן פעלזן פעסט מיט די ריינע אמונה, תורה און מצוות, צניעות און געטון חסד, אונטער די שווערסטע אומשטענדן, ביז צו זייער ענדגילטיגער זיג אנטקעגן די נאצישע שלענג. דער בוך וועט אייך לערנען ווי א ערליכער איד קען בלייבן א מענטש אפילו אונטער די שווערסטע אומשטענדן. (624 עמודים)

ד'. רסט. **רעטונג אין צפון / אידיש**
שפאנענדע נאוועל ערציילונג, דורך די בארימטע שרייבערין ח.ר. קאהאן. דער ביכל וועט אייך פירן אויף א שטורמישע און דראמאטישע רייזע קיין אוקריינע, רוסלאנד, סיביר, צוריק קיין רוסלאנד, אלאסקא, און נאך. איר וועט לייענען מיט שפאנונג ביזן ענדע. (504 עמודים)

**לפרסם ספרים במדור "אוצרות הבאר" נא לשלוח שני ספרים להמערכת**

# עובדא דשמואל

## סיפורי צדיקים שנשמעו מאת מרן הגה"צ מנאנאש זצ"ל [רפד]

**אלף תעח.** בעת שהגה"ק רבי הילל מקאלאמייא זצ"ל הי' קורא בכל לילה קריאת שמע שעל המטה, לא היו רשאים להיות באותו חדר שקרא קרי"ש. ופ"א התאכסן בבית אחיו הגה"ק רבי יעקב קאפיל ליכטענשטיין זצ"ל אבד"ק בעטלאהן ועוד, וכאשר שמע בנו הגה"ק רבי ברוך בענדיט זצ"ל אבד"ק קראסנא שהי' עוד צעיר לימים, שאין יכולים להיות בחדר דודו בעת שקורא קרי"ש שעל המטה, הניח פתוח קצת דלת החדר שהי' בו, כדי שיהי' ביכלתו לשמוע האיך שקורא קרי"ש, ושמע האיך רבי הילל מקאלאמייא הוא ממרא דחושבנא, ופירט ומנה מרוב ענוותנותו העבירות שעבר במשך היום, האיך שביטל מינוט שם ומינוט שם מלימוד התורה וכדומה, ובכה מאוד על זה. ואז הבין למה אין ברצונו שיהיו בחדרו בעת שמפרט העבירות שעבר. (מפי בנו כ"ק הגה"צ מקראסנא זצ"ל)

**אלף תעט / בהיכל קדשו.** בעת שהייתי עם מרן הרה"ק מסאטמאר זצ"ל בעיר הבירה לונדון יצ"ו בדרכו לארה"ק בקיץ שנת תשט"ו לפ"ק, גמר מרן זצ"ל סדר הבדלה לאחר תפלת ערבית וסעודה שלישית מאוחר מאוד בלילה [זמן מוצש"ק הי' בלונדון מאוחר מאוד, ומרן זצ"ל נכנס לתפלת מנחה וסעודה שלישית לערך חמשה עשר מינוט אחר שעה עשר בלילה], ובמוצאי שב"ק באשמורת הבוקר כאשר הבאתי למרן זצ"ל מיני מזונות ומשקה 'טיי' שהי' בדרך כלל דרכו בקודש לטעום זה בכל שבוע לכבוד סעודת מלוה מלכה, אמר לי מרן זצ"ל בלשו"ק: איך האב מורא אז עס איז שוין דער עלות השחר, ברענג נישט קיין מזונות, נאר א טיי, מארגן וועל איך זיך וואשן לכבוד מלוה מלכה. ואכן כן הי', ולמחר ביום א' נטל מרן זצ"ל ידיו לכבוד סעודת מלוה מלכה, על אף שעל פי רוב לא נטל מרן זצ"ל ידיו לסעודה במשך ימי החול.

**אלף תפ / בהיכל קדשו.** בעת שהייתי עם מרן הרה"ק מסאטמאר בעיירה הנופש שעראן ספרינגס יצ"ו בימי הקיץ שנת תשי"ד לפ"ק, אירע שהי' למרן זצ"ל 'צוג', ובשב"ק אחה"צ ביקש מרן זצ"ל שיפתחו לפניו החומש עם פירוש רמב"ן של אותו פרשה, ואכן פתחו לו חומש עם מפרשי התורה שכלול בו גם פירוש הרמב"ן, והתחיל מרן זצ"ל ללמוד בפירוש הרמב"ן בפנים, אולם לאחר כל רגעים אחדים אמר מרן זצ"ל: נו, נו, שכוונתו בזה לעבור לדף הבא, שהי' קשה לו לזוז ידיו הק', וכן עבר במהירות רב כמו בסקירה אחת, דף אחר דף בלמדו ספה"ק הרמב"ן של הפרשה.

---

ד'. רס. **כאילו / יציאת מצרים, אידיש**
כל בו אויף יציאת מצרים ווי קיינמאל בעפאר, שילדערט עם פאר אייערע קינדער לעבעדיג, צוזאמען מיט די קלארע יסודות האמונה לייכטערהייט. ח"א: יציאת מצרים - איר תכלית פאר אונז, די סיבה פון יצי"מ, אונזער פעסטע אמונה, וויאזוי צו פארציילן. ח"ב: יציאת מצרים - לעבעדיג געשילדערט, די צען מכות, ארויס פון מצרים, קריעת ים סוף. ח"ג: יציאת מצרים - אירע יסודות און לימודים, די באדייט פון עם הנבחר, עניני סדר נאכט, השגחה פרטית. מיט מעשיות אויף עניני פסח, און פסוקי אמונה פון תנ"ך. די בעסטע אוצר פאר יעדער טאטע, זיידע, בחור, קינד. ארויסגעגעבן דורך יסודי הדת שע"י קרן חיים זאנוויל. שנת תשפ"ה לפ"ק, מאנסי יצ"ו. הפצה ראשית שירה / מישור

ד'. רסא. **נחלת שמעון / ערב פסח שחל בשבת**
הלכות ערב פסח שחל בשבת, והלכות המסתעף לזה בשנה זו, שבת הגדול, י"ב ניסן, י"ג ניסן, ערב פסח, ליל הסדר, ח"א: הלכות ומנהגים, עצות מועילות, עם ביאורים והערות קצרות להבנת הענינים, לדעת את המעשה אשר יעשון בימים אלו. ח"ב: תמצית הלכות ומנהגים להלכה ולמעשה, עם סדר ברכות ותפלות לערב פסח. נערך ונסדר ע"י הרב הגאון רבי שמעון משה וואלדמאן זצ"ל דומ"ץ קהל חרדים בקרית יואל, י"ל במהדורה שלישית עם הרבה הוספות ותיקונים, שנת תשפ"ה לפ"ק, קרית יואל יצ"ו. (רס"ג עמודים) הפצה ראשית: נר למאור: 718-384-1324

ד'. רסב. **13 איבערלעבער / אידיש**
דראמאטישע גאר שפאנענדע שילדערונג און אמת'ע געשיכטע, ווי 13 משפחה מיטגלידער האבן מיט א העלדישקייט זיך געראטעוועט און וואונדערליך איבערגעלעבט די שרעקליכע צווייטע וועלט מלחמה, אין די צייט ווען אידיש בלוט איז געווען הפקר ל"ע, נישט איינמאל האבן זיי זיך באגעגענט פנים אל פנים מיטן ערגסטן ח"ו, אבער בחסדי ה' אין די לעצטע מינוט איז זיי געלונגן זיך צו ראטעווען. דורך הוצאת 'אור', שנת תשפ"ה לפ"ק, ברוקלין יצ"ו. (497 עמודים) הפצה ראשית נר למאור: 718-384-1324

המשך בעמוד ג'

---

# אוצרות הבאר

## ספרים חדשים שהגיעו להמערכת - עפ"י סדר הא"ב

ד'. רנב. **אויפן וועג צום רבי'ן #3 / אידיש**
א רייכע אוצר פון געקליבענע אויטענטישע סיפורי צדיקים מסודר לויט די יארצייטן צוזאמגעקליבן פון די וועכנטליכע גליונות פרדס פון הרב יהודה זבולון הלוי קליטניק שליט"א, פארצייטישע חסיד'ישע מעשיות, וואס זענען מסוגל צו אויפלאמען דאס אידיש הארץ צו עבודת ה', אמונת ה' און אמונת צדיקים וכדומה. י"ל חלק שלישי ברוב פאר והדר ובלשון אידיש המדוברת ע"י מכון "אידיש אוצרות". שנת תשפ"ה לפ"ק. מאנסי יצ"ו. (372 עמודים) הפצה ראשית: נר למאור: 718-384-1324

ד'. רנג. **בצל רבינו / סאטמאר, ח"ב**
ליקוטי ענינים נפלאים, לימי חג הפסח בצל רבינו הקדוש מסאטמאר זצ"ל, עבודת הקודש, בשפתי צדיקים, חסידים יעלוזו, מפי השמועה, דברים חדשים שלא נדפסו עדיין, עם לשונות געגועים מעבודתו הק', חודש ניסן, הכנה לפסח, ערב פסח, ליל התקדש החג, ימים הראשונים, שביעי של פסח, אחרון של פסח, ענינים שונים וכתבי התלמידים, נערך בטוטו"ד ע"י הרה"ג ר' מרדכי שלמה הלוי יונגרייז שליט"א, חלק ב', שנת תשפ"ה לפ"ק, ברוקלין יצ"ו. (ר"ב עמודים) הפצה ראשית נר למאור: 718-384-1324

ד'. רנד. **הגדה של פסח / האמנתי כי אדבר**
הגדה של פסח עם ילקוט האמנתי כי אדבר, סדר ההגדה וסיפור יציאת מצרים על פי יסודות הדת ועיקרי האמונה, ויפרד לששה חלקים: יסודות האמונה ועיקרי דת קדשינו על סדר ההגדה. דברי התבוננות המעוררים הלבבות לקיום מצות הלילה. ילקוט מקורות וטעמי מצוות הלילה והמנהגים. תיאור חי מסיפור יצ"מ מיוסד עפ"י מדרשי חז"ל. סדר ההגדה מפורש ומבואר על דרך הפשט. ביאורים נרחבים בעומק הפשט מפי גדולי המפרשים. נסדר ונערך ע"י הרה"ג רבי מרדכי אהרן זאבעל שליט"א, הוצאה שני' עם תיקונים והוספות, שנת תשפ"ה לפ"ק, קרית יואל יצ"ו. (תקנ"ח עמודים)

ד'. רנה. **הגדה של פסח / הגדת הראשונים והאחרונים**
הגדה של פסח מעוטרת בתורתם של רבותינו ז"ל מפרשי הגדה ע"ד הפשט, ומשובץ בביאוריהם ופירושיהם לאורך סדר ההגדה, להתעמק בעומק פשט ההגדה, ולהבשם מדבריהם הנפלאים ככתבם וכלשונם, הראשונים: אבודרהם, שבולי הלקט, רשב"ץ, ריטב"א, כל בו. האחרונים: אברבנאל, מעשי ה', מעשה נסים, מהר"ל מפראג, ברית הלוי, יעב"ץ. כל אלה נסדר ברוב פאר והדר סביב ההגדה למען יתענג הקורא בו. ולשונות ההגדה המתבארים בדבריהם, הודגשו בתוך הפירושים באותיות בולטות להקל על המעיין. ע"י מערכת אור התורה, נדפס מחדש שנת תשפ"ה לפ"ק, ברוקלין יצ"ו. (תקס"ד עמודים) הפצה ראשית נר למאור: 718-384-1324

ד'. רנו. **הגדה של פסח / למען דעת**
פסוקי ופסקי ההגדה מבוארים בדרך פשט. עם ליקוט נפלא מאגדות חז"ל וראשונים. ביאורי הלכות ודינים ומנהגים מליל הסדר בדרך שאלה ותשובה. ליקוט מדרשי חז"ל וזוה"ק ועוד בענין הנסים והנפלאות בהמכות. סדר עליה לרגל, והעבודה בביהמ"ק מערב חג הפסח עד אסרו חג. דיני הכנת הבית לפסח, וליל התקדש חג באופן קיצור וקל. בירורי הלכה במצות חג הפסח. דברים נפלאים מדברי חז"ל וראשונים ואחרונים. י"ל ע"י הרה"ג רבי שלמה פערל שליט"א מח"ס אסוקי שמעתתא על שו"ע. הוצאה חדשה עם תיקונים והוספות. שנת תשפ"ה לפ"ק, ברוקלין יצ"ו. (ת"י עמודים) הפצה ראשית: גרינפעלד

ד'. רנז. **הגדה של פסח / צבי לצדיק - קרן ישועה, בלאזוב**
הגדה של פסח נדפס באותיות מאירות עינים, מעוטר עם שני פירושים: צבי לצדיק, מאת הגה"ק רבי צבי אלימלך שפירא מבלאזוב זצ"ל. קרן ישועה, מבנו הגה"ק רבי יהושע שפירא זצ"ל אבד"ק ריבאטיטש ובלאזוב, מסודר ברוב פאר והדר דבר דבור על אופנו, ונלוה אליו, מאמרים לחודש ניסן ושבת הגדול, ילקוט מאמרים על הגש"פ, תשובות ופלפולים בעניני חג הפסח, הליכות קודש מהצדיקים לבית בלאזוב ומנהגיהם לחודש ניסן וימי הפסח, סיפורים וענינים לחג הפסח. י"ל ברוב פאר והדר ע"י מכון אורות ישראל ד'בלאזוב, שנת תשפ"ה לפ"ק, ברוקלין יצ"ו. (תקל"ג עמודים) הפצה ראשית שארף: 718-812-5120

ד'. רנח. **הער א מעשה / אידיש #1**
א געקליבענע צאל פון 24 שיינע סיפורי צדיקים, וואס ברענגן אריין אמונה און יראת שמים, און נאכצוגיין אין די הייליגע וועגן פון די צדיקים, אויסגעשטעלט און בעארבעט עס זאל זיין ציענד, און מען זאל דאס ליינען גרינג און פליסיג, אויף א רייכע און געשמאקע פארנעם, יעצט ערשינען ערשטע באנד אין די סעריע, מיט שיינע בילדער, דורך הוצאת 'אור', שנת תשפ"ה לפ"ק, ברוקלין יצ"ו. (296 עמודים) הפצה ראשית: נר למאור: 718-384-1324

ד'. רנט. **מצות מצוה**
בענין אפיית מצות מצוה ערב פסח, ובפרט כשחל ער"פ בשבת, מקור הדברים, שיטת המחייבים והמתירים, ההידור מצוה לכתחילה, משו"ע והפוסקים, להלכה ולחומרא, נערך וי"ל ע"י הרב זאב אלעזר רייכמאן שליט"א, מהדורה תניינא עם הרבה הוספות, שנת תשפ"ה לפ"ק, ברוקלין יצ"ו. (ק"ח עמודים)


נוסד בשנת תק"צ

# צדקת רבי מאיר בעל הנס כולל חבת ירושלים




# ליידיגט אויס היינט אייער פושקע

## 42,000 עניי ארה"ק ווארטן דערויף!

| באראפארק | וויליאמסבורג | מאנסי | קרית יואל |
|---|---|---|---|
| 4802-A 12th Ave. | 163 Rodney St. | 25 Main Street | נייע נומער |
| 718-633-7112 | 718-387-1700 | 845-352-5777 | 845-201-9688 |

אינטערנעט
אפילו מיט אן אזויגערופענעם **גאר גוטן** פילטער
איז פארט **גאר שלעכט** פאר א אידישע נשמה


**אדם אם היה עובר בין הקברות, והיה יודע שצדיק קבור שם,**
**צריך להזכירו במעשיו, אמר שלמה** (משלי י' ז') **זכר צדיק לברכה.** (פסק"ר פי"ב ס"א)
**פארט איר אויף קברי צדיקים ווי אימער אין דער וועלט ?**
די עיקר השתטחות ביי א ציון פון א צדיק איז נאכצוזאגן שמועות ועובדות מפיו כמובא בספה"ק.
איר צאלט אזויפיל געלט פאר די נסיעות, קומט נישט אן צום ציון ווי א פרעמדער, מיר ווען אייך
צושטעלן א קובץ **"לספר בציון"** מיט געקליבענע סיפורים מיוחד פאר די ציונים ווי איר פארט.
אזוי ווי איר זענט מחליט צו פארן אויף מקומות הקדושים, רופט אריין צו מערכת **"מבאר רבותינו"**
און מיר וועלן אייך צושטעלן בעזהשי"ת א קובץ לויט אייער פארלאנג. 718-218-6817
~ פויעלט אלעס גוטס ~


מבאר רבותינו: 43 LORIMER ST. BROOKLYN N.Y. 11206
טעל: 718-218-6817 - פעקס: 718-506-9629



כל הזכיות שמורות, ואסור להעתיק שום ענין מהגליון בלי רשות המערכת



י"ל ע"י קהל אפסי ארץ ד'נאנאש - בנשיאות הגה"צ רבי אליעזר יוסף פאללאק שליט"א